בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון נ"ח

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת אחרי
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת צַו, שְׁנַת תשפ"ג

**בְּעֵזֶר ה' בְּרֶענְגֶען מִיר אַ נַייֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת צַו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### מֶען מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס. מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן גֶעהַאט אִין דִי גְמָרָא (תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי דְּמַאי, ז, ג) אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע הַלָכָה; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ קוּה וָואס עֶר פַארְדִינְגְט עֶס פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיפְצוּאַקֶערְן זֵייעֶרֶע פֶעלְדֶער, טָאר עֶר נִישְׁט נִיצְן דֶעם קוּה בַּיינַאכְט צוּ אַקֶערְן זַיין פֶעלְד, וַוייל אַ קוּה דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אַ קוּה קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִין אֵיין צִי, קוּמְט אוֹיס אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס זִי אַקֶערְט אוֹיךְ בַּיינַאכְט, הָאט זִי נִישְׁט גֶעהֶערִיג קַיין כֹּחַ צוּ קֶענֶען אַקֶערְן אִינְדֶערְפְרִי בַּיי מֶענְטְשְׁן, בַּא'גַנְבְ'עט עֶר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דִינְגֶען עֶס פוּן אִים.

דִי גְמָרָא זָאגְט וַוייטֶער נָאךְ אַן הַלָכָה, אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְדִינְגְט זִיךְ צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן בַּייטָאג, [אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט אִין אַמֶערִיקֶע, רוֹב אַמֶערִיקַאנֶע בִּירְגֶער אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג], טָאר עֶר נִישְׁט בַּיינַאכְט אוֹיפְזַיין אוּן אַרְבֶּעטְן פַאר זִיךְ, עֶס אִיז גְנֵיבָה, וַוייל וֶוען מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג בַּיינַאכְט קֶען מֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג. מֶען מֶעג אוֹיפְזַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוֹיבּ מֶען ווִיל נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג, עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס מֶען טוּט אַזוֹי, מֶען שְׁלָאפְט בַּייטָאג אוּן מֶען אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט... אָבֶער אַז מֶען פַארְדִינְגְט זִיךְ צוּ אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג מוּז מֶען שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט.

### וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם מְלַמֵּד?

דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטֶעטְל, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דֶער מְלַמֵּד קוּקְט נִישְׁט אוֹיס גוּט, עֶר אִיז אַיינְגֶעגֶעסְן, אוֹיסְגֶעדַארְט, צֶעבְּרָאכְן אוּן מִיד, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט: **"וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם מְלַמֵּד וָואס אִיז אַזוֹי אַיינְגֶעבּוֹיגְן, מִיד אוּן שְׁוַואךְ"**, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז זִיךְ 'מְסַגֵּף'. עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת פַּיינִיגְט עֶר זַיין גוּף, עֶר שְׁלָאפְט נִישְׁט אוּן עֶר עֶסְט נִישְׁט; עֶס אִיז גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם וֶועג אִין עֲבוֹדַת ה' צוּ מְסַגֵּף זַיין דֶעם גוּף.

הָאט אִים רֶבִּי יוֹחָנָן אַפִּיר גֶענוּמֶען אִין דִי זַייט אוּן גֶעזָאגְט: **"אִינְגֶערְמַאן; דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן, מַה דָאךְ דֶער וָואס אַרְבֶּעט פַאר אַ בָּשָׂר וָדָם, מוּז עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, וַוייל וֶוען מֶען פַאסְט אוּן מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג קֶען מֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן גֶענוּג פְלַייסִיג אוּן דָאס הֵייסְט גְנֵיבָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז עוֹסֵק אִין 'מְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא', דוּ אַרְבֶּעטְס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ זִיצְט מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טָארְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט פַאסְטְן אוּן אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט".**

דֶערְפַאר, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ זָאג פַאר מְחַנְּכִים אִיז, מֶען מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט, מֶען מוּז גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלֶעךְ.

### אַרֵיין שְׁלָאפְן בִּיז נָאכְמִיטָאג

אוֹיבּ מֶען ווִיל - מוּז מֶען נִישְׁט זַיין אַ טִיטְשֶׁער; מֶען קֶען פַארְקוֹיפְן טִיכְלֶעךְ, מֶען קֶען פַארְקוֹיפְן קְלֵיידֶער אוּן מֶען קֶען נֵייעֶן שִׁירְצְלֶעךְ, אוּן זַיין אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן אַרֵיין שְׁלָאפְן בִּיז נָאכְמִיטָאג אוּן דֶעמָאלְט אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן, אָבֶער אַז מֶען אַרְבֶּעט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דַארְף זַיין נַיין אַזֵייגֶער אִין כִּתָּה דַארְף מֶען זֶען צוּ שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, זִיךְ גוּט אוֹיסְרוּעֶן.

### גֵייט אַהֵיים שְׁלָאפְן

אִיךְ לָאז נִישְׁט דִי מְלַמְּדִים קוּמֶען צוּ 'מְסִיבּוֹת' אוּן 'חֲתוּנוֹת' אוֹיבּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג אִיז דָא חֵדֶר. זוּמֶער פְּרַאוֶועט מֶען אִין שְׁטֶעטְל שְׁפֶּעטֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה'ס, זָאג אִיךְ פַאר דִי מְלַמְּדִים, **"גֵייט אַהֵיים שְׁלָאפְן"**, דִי לֶערֶערִינְס קֶענֶען בְּלַייבְּן, וַוייל זוּנְטָאג אִיז נִישְׁט דָא קַיין סְקוּל, אָבֶער מְלַמְּדִים וָואס דַארְפְן זַיין זוּנְטָאג צוּפְרִי אִין כִּתָּה, דַארְפְן אַהֵיימְגֵיין צוּ זַיין אוֹיסְגֶערוּט.

## אַ אוֹיסְגֶערוּט'עֶר מְלַמֵּד •

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵּד: **"אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דַיין אַרְבֶּעט אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ אַז דוּ בִּיסְט מְלַמֵּד, אָבֶער אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין, צוּ קוּמֶען שְׁפֶּעט, קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין בַּיי מִיר אַ מְלַמֵּד, וַוייל אַז מֶען בַּא'גַנְבְ'עט אֵיינֶעם קֶען מֶען אִים בַּאצָאלְן, אָבֶער אַז מֶען נֶעמְט אַוֶועק דִי קִינְדֶערְ'ס צַייט, אִיבֶּערְהוֹיפְּט בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס שְׁפֶּעטֶער בַּאצָאלְן?"** דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען צוּ גוּט עֶסְן, אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְרוּעֶן בַּיינַאכְט.

### מֶען וֶוערְט שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אִיז אַסַאךְ גְרִינְגֶער אִים אוֹיפְצוּרֶעגְן ווִי אֵיינֶער וָואס אִיז אוֹיסְגֶערוּט; וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט אִיז מֶען רוּאִיגֶער אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט.

### אוֹיסְצִיעֶן דֶעם אוֹיעֶר...

וֶוען קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ וָואס מֶען זָאגְט, אוֹיבּ אִיז דֶער מְלַמֵּד אוֹיסְגֶערוּט וֶועט עֶר עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער זָאגְן, אָבֶער אוֹיבּ עֶר אִיז מִיד וֶועט עֶר וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן אָנְכַאפְּן דֶעם אוֹיעֶר אוּן אוֹיסְצִיעֶן: **"דוּ הֶעעֶרְסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר?!"**

### דָאס אִיז אַ קִינְד

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, בַּיי לָאנְטְשׁ וֶוען דִי קִינְדֶער עֶסְן אוּן מֶען זָאגְט אַז יֶעדֶער זָאל זִיצְן שֵׁיין אָדֶער יֶעדֶער הֵייבְּט אָן צוּ בֶּענְטְשְׁן, דַארְף מֶען הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדֶענְקְן אַז קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַלְאָכִים, פַאר קִינְדֶער דַארְף מֶען אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל: **"מֶען דַארְף**

**בֶּענְטְשְׁן", "מֶען דַארְף יֶעצְט זִיצְן"**, אוּן אַז אֵיין קִינְד זִיצְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר הֶערְט נִישְׁט אוּן מֶען קֶען יֶעצְט צִיעֶן זַיין אוֹיעֶר: **"דוּ הֶעעֶרְסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר?!"** וַוייל מֶען קֶען אוֹיךְ נֶעמֶען מַיינֶע אוֹיעֶרְן עֶס אוֹיסְצִיעֶן, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר. דָאס אִיז אַ קִינְד, מֶען דַארְף זֵיי אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### קִינְדֶער הֶערְן יָא

מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'קֵיינֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס', 'מַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אִין דִי לוּפְט', אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַז 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט' - אִיז אַ שָׁאד צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער. דֶערְפַאר זֶענְט אִיר דִי מְחַנְּכִים, צוּ וִויסְן אַז מֶען דַארְף אִיבֶּער זָאגְן פַאר קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל! וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיס "מַה נִּשְׁתַּנָּה", אוּן דִי קִינְדֶער כַאפְּן עֶס נִישְׁט אוֹיף, מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט, דִי קִינְדֶער הֶערְן יָא, נָאר אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט קִינְדֶער, מֶען זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיר גֶעדֶענְקְט זִיכֶער וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען יוּנְג הָאט אִיר אוֹיךְ גֶעצִיטֶערְט אַז אִיר גֵייט נִישְׁט קֶענֶען דִי "מַה נִּשְׁתַּנָּה", אַזוֹי גֵייט עֶס.

### קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל

אַ מְלַמֵּד אִין שְׁטֶעטְל הָאט מִיר גֶערוּפְן, עֶר אִיז מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ, מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער בַּאהַאלְטְן זִיךְ הִינְטֶער דִי טְרֶעפּ אוּן שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל, נֶעכְטְן שִׁיקְט מִיר דֶער מֶענֶעדְזְשֶער אַ בִּילְד אַז מֶען הָאט פַארְבּוֹיט דֶעם לָאךְ הִינְטֶער דִי טְרֶעפּ. אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעלַאכְט צוּ מִיר, וַוייל אַז מֶען הָאט פַארְבּוֹיט דֶעם לָאךְ גֵייט שׁוֹין יֶעצְט אַלֶעס זַיין מְסוּדָר?! פַארְקֶערְט, לָאז דֶעם לָאךְ אַזוֹי זָאלְן דִי מְלַמְּדִים גֶעדֶענְקְן צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער צוּ זַיין אֵיידְל, אוֹיבּ מֶען וֶועט פַארְגֶעסְן אַפָּאר וָואכְן צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, וֶועט מֶען נָאכְאַמָאל טְרֶעפְן צְוֵויי קִינְדֶער זִיךְ בַּאהַאלְטְן דָארְט וְכוּ', וֶועלְן דִי מְלַמְּדִים זִיךְ נָאכְאַמָאל כַאפְּן אַז מֶען דַארְף רֶעדְן דֶערְפוּן.

### אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט אַ יֵצֶר הָרָע

מֶען קֶען נִישְׁט פַארְבּוֹיעֶן אַ לָאךְ אוּן שׁוֹין... וִוי אַזוֹי גֵייעֶן דִי קִינְדֶער שׁוֹין וִויסְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן נִישְׁט אֵיידְל?! אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט אַ יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט; דֶער יֵצֶר טוֹב קוּמְט וֶוען מֶען וֶוערְט דְרַייצְן יָאר אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט בַּיים גֶעבּוֹירְן, דֶערְפַאר זֶעט מֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס קֵיינֶער הָאט אִים נָאכְנִישְׁט גֶעזָאגְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, אוּן עֶס צִיט אִים שׁוֹין זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן נִישְׁט אֵיידְל.

אוֹיף דֶעם זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס דַארְפְן זָאגְן אוּן זָאגְן: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים!"** אוּן: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וֶוער עֶס אִיז וואוֹיל!"** מֶען לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער מִיט אַ שֵׁיינְקֵייט אוּן זִיסְקֵייט.

### יֶעדֶע פִינְף מִינוּט נָאךְ אַ לָשׁוֹן הָרָע...

אַז מֶען הֶערְט אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת דַארְף מֶען זַיין אַבִּיסְל אַבִּיסְל שְׁטְרֶענְג, אוּן אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי 'יִרְאַת הָעֹנֶשׁ', זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וֶוערְט מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט אוֹיבְן אִין הִימְל.

אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען דֶערְצֵיילְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז נָאכְדֶעם קוּמֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פִינְף מִינוּט נָאךְ אַ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, דַארְף דִי לֶערֶערִין זַיין גֶענוּג גְרוֹיס אוּן קְלוּג צוּ פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ יָא וואוּסֶענְדִיג מַאכְן אוּן וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן, אוֹיף וָואס עֶס אִיז וִויכְטִיג שׁוֹין צוּ הַאלְטְן אַ דְרָשָׁה, אוּן וָואס קֶען מֶען רֶעדְן צוּ דֶעם קִינְד פְּרִיוַואט.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

## בְּרִיְוון פוּן חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצֶע טָאג אִין חֵדֶר, וִוי קוּמְט מֶען אָן צוּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט אַבִּיסְל אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַארְץ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ, נִישְׁט קַיין גֶעפֶערְלִיכֶע זַאכְן, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט מִיר.

אֵיידֶער בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד אִיז מִיר טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גֵיהִנּוֹם, אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט מִיט גוֹיִם אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדַארְפְט דְרֵייעֶן אִין דִי גַאסְן וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט פִירְן אַסַאךְ מִלְחָמוֹת אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען קֵיינְמָאל מִיט מִנְיָן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, גְמָרָא, זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים, יוֹם תְּהִלִּים, שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט טוּר וּבֵית יוֹסֵף, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ גֶעעֶנְדִיגְט מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף יֶעדֶע תּוֹרָה, סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין מִיט רַשִׁ"י, אוֹיסֶער דִי פִילֶע שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אַפָּאר וֶוערְטֶער דָא אוּן אַפָּאר וֶוערְטֶער דָארְט, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין פֶעלְד אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן מַיינֶע בֶּענְקֶענִישְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ יֶעדֶע נַאכְט גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בְּכִיּוֹת, מַיינֶע סִידוּר אִיז פַארְפְלֶעקְט מִיט דִי טְרֶערְן וָואס זֶענֶען אִין דֶעם אַיינְגֶעזַאפְּט.

אָבֶּער יֶעצְט דַארְף אִיךְ דָאךְ הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת אִין חֵדֶר, זָאג אִיךְ תִּיקוּן חֲצוֹת אִין בְּלוֹיז פִינְף מִינוּט, פַארְ'ן דַאוֶוענֶען קוּם אִיךְ קוֹים אָן צוּ לֶערְנֶען "בַּיִת נִצְחִי", אַ דַף בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי מִיט אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, אֵיין דַף זוֹהַר אוּן אֵיין דַף תִּיקוּנִים, אוּן צוּם מֶערְסְטְנְס זֶעקְס פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אִיךְ קֶען קוֹים רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן צוּם שׁוּל אוּן צוּ חֵדֶר, אוּן נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ קוּם אַהֵיים קֶען אִיךְ אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיין וַוייבּ אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ הֶערְן אַ שִׁיעוּר פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייל אִיךְ מוּז דָאךְ קֶענֶען אָנְגֵיין, אוּן וֶוען אִיךְ עֶפְן שׁוֹין יָא אַ סֵפֶר רוּפְט מִיר שׁוֹין דֶער אוּן יֶענֶער אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אִיךְ קֶען דָאךְ גָארְנִישְׁט עֶרְלֶעדִיגְן אִין חֵדֶר, אוּן דָא אִיז דָא אַ חֲתוּנָה, אוּן דָא דַארְף אִיךְ רוּפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶּער אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען עֶפֶּעס, נָאכְדֶעם דַארְף אִיךְ שׁוֹין לוֹיפְן צוּם טֶעגְלִיכְן גְמָרָא שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ דַארְף אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט אוֹיסְצוּהֶערְן דֶעם אוּן יֶענֶעם, אוּן כָאטְשׁ וָואס מִיר רֶעדְן טַאקֶע פוּן דִיבּוּרֵי תַּכְלִית, דִּבְרֵי חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער פַאקְטִישׁ דֶערְזֶע אִיךְ זִיךְ סוֹף טָאג מִיט בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען מִיט רַשִׁ"י מִיט דִי קִינְדֶער, בַּיִת נִצְחִי, אַ טְרָאפְּעלֶע זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים, עֶטְלִיכֶע סְעִיפִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים נִיטְאַמָאל קַיין גַאנְצֶע יוֹם, אַבִּיסֶעלֶע נַ"ךְ, בְּקִיצּוּר קוֹים עֶפֶּעס תּוֹרָה.

לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן נָאר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, דֶעמָאלְט אִיז מִיר טַאקֶע אַ גַן עֵדֶן, אָבֶּער אִיךְ

## הַמְשֵׁךְ בִּנְיַן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

בִּין זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אֲפִילוּ נָאר אֵיין מָאל. אִיךְ וֵייס וְויפִיל אִיךְ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל פַארְבְּרֶענְגְט דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אֲפִילוּ צוּ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, אוּן אִיךְ וֵייס אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְוֵויי יָאר אִין אַ צוּ יֶעדֶע נַאכְט, אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת הַשֵּׁם אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, שִׁבְתִּי בְּבֵית הַשֵּׁם כָּל יְמֵי חַיַּי, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן זִיךְ דְרֵייעֶן פַאר פַּרְנָסָה אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע גַאסְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ קֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ קוּם כִּמְעַט נִישְׁט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז נָאר אַפָּאר מִינוּט דָא אוּן דָארְט.

אִיךְ וֵייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז אִיךְ רֶעד זִיךְ אָפּ, אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעדַארְפְט פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע בִּיסְל גוּטְס וָואס אִיךְ כַאפּ אַרַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיךְ הֶעלְפְן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע, אוּן זִיךְ יָא פְרֵייעֶן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ, אוּן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, ״וָואס מֶען טוּט אִיז גוּט, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס״.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיין אַ מְלַמֵד אִיז הֶעכֶער פוּן יֶעדֶע סָארְט עֲבוֹדָה. לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר זִיךְ אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אָבֶּער מַאכְן אַנְדֶערֶע לֶערְנֶען - אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער, לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תַּלְמִידִים, בִּפְרַט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן - דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר זִיךְ.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי זַיין אַ מְלַמֵד; דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ - אִיז זַיין אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער. לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פְלַאנְצְן אִין קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם - אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): ״וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - ׳אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת׳״, אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרַ״אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין, אַז פִּינְקְט וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וְויפִיל זְכוּתִים אַ מְלַמֵד הָאט, וַוייל עֶר פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף וֶועם שְׁטֵייט דִי וֶועלְט? דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה וָואס קִינְדֶער לֶערְנֶען, אוּן דָאס אִיז אִין דִי זְכוּת פוּן מְלַמְדִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): ״אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן״, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג; חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, גְמָרָא, זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים אוּן זָאגְן אַ יוֹם תְּהִלִּים, שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט טוּר בֵּית יוֹסֵף, אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן מִיט דִי תְּפִלָּה אוֹיף דִי תּוֹרָה, אוּן אַנְדֶערֶע סִפְרֵי רַבֵּינוּ אוּן מוֹהֲרַ״אשׁ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם וְרַשִׁ״י - דָאס קוּמְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּ צוּ זַיין אַ מְלַמֵד. אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט וַוייטֶער (שַׁבָּת, שָׁם) רַב פָּפָּא הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן אַבַּיֵי: ״דִּידִי וְדִידָךְ מַאי״, וָואס אִיז מִיט אוּנְזֶער תּוֹרָה? דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דֶען נָאר אוֹיף קִינְדֶער׳ס תּוֹרָה? הָאט אַבַּיֵי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אֵינוֹ דּוֹמֶה הֶבֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֵטְא לְהֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא״, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער וָואס וֵייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, וָואס זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר רֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאנְק טוּן אַז דִי טָאג גֵייט דִיר אַרִיבֶּער מִיטְן זַיין אַ מְלַמֵד אוּן דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל דַיינֶע שִׁיעוּרִים, וַוייל מִיר דַארְפְן הַיינְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת. וַוייל וֶוער עֶס וֵייסְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אוּנְזֶער דוֹר וֵייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְלַאטִיג וִוי עֶס זֶעט אוֹיס; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס דִי בִּילְד זֵייעֶר שֵׁיין, אָבֶּער פוּן אִינֶעוֵוינִיג אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג; מֶען דַארְף מְלַמְדִים מִיט הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, וָואס זֶענֶען גְרֵייט אוֹיף מְסִירַת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ, אַוֶועק גֶעבְּן זֵייעֶר גַאנְצֶע נְשָׁמָה פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן לִיבְשַׁאפְט פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט, דִי מַעֲשֶׂה וֶועט פַארֶענְטְפֶערְן דַיין בְּרִיוו. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (קִידּוּשִׁין ל.) רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גֶעזֶען רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֵיין אִין גַאס נִישְׁט אָנְגֶעטוּן גֶעהֶערִיג, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט זֵייעֶר מָאדְנֶע, עֶר הָאט נִישְׁט אָנְגֶעהַאט זַיין הוּט, עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעדֶעקְט זַיין קָאפּ מִיט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע צוּדֶעק, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס יָאגְט זִיךְ אוּן הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ אָנְצוּטוּן גֶעהֶערִיג, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן אִין חֵדֶר. הָאט רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס אִיז מִיט דִיר? פַארְוָואס גֵייסְטוּ אַזוֹי אִין גַאס, נִישְׁט גֶעהֶערִיג אָנְגֶעטוּן?״ הָאט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ טְרָאגְן מַיין קִינְד אִין חֵדֶר, אוּן אַז דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ וָואס אִיז דִי יָאגֶענִישׁ? וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ד, ט): ׳וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ׳, אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָּסוּק ׳יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב׳, וָואס הָאבְּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער - אַ שַׁיְיכוּת - מִיט דִי פָּסוּק פוּן מַתַּן תּוֹרָה? נָאר דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט זַיין קִינְד אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי״, פִירְט אוֹיס רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי: ״אִיךְ לֵייג אַוֶועק מַיין הוּט, מַיין בֶּעקִיטְשֶׁע, מַיינֶע שֵׁיינֶע אִידְ׳שַׁאפְט, אַבִּי צוּ לוֹיפְן אִין חֵדֶר מִיט מַיין זוּן״; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף אַלֶעס לֵייגְן אִין דֶער זַייט, אֲפִילוּ דִי רוּחָנִיּוּת - אַבִּי צוּ זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵד, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(עצתו אמונה פרשת ראה תשפ״ג)

## זָאל אִיךְ נוּצְן פְּרָאטֶעקְצִיֶע אַרַיינְצוּלֵייגְן מַיין טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַרַיינְשִׁיקְן מַיין טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט בַּיי עֶטְלִיכֶע מוֹסְדוֹת, אָבֶּער קֵיינֶער וִויל מִיר נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל בִּכְלַל פְּרוּבִּירְן מִיט פְּרָאטֶעקְצִיֶע אוּן אַנְדֶערֶע וֶועגְן צוּ קֶענֶען אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מוֹסָד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אודאי! טו אלעס וואס דו קענסט נאר אז דיינע קינדער זאלן האבן גוטע ערליכע מוסדות.

קענסט נוצן אונזער פראטעקציע; דער רבי לערנט אונז די עצה פון תפלה והתבודדות, בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל – דאס איז די בעסטע פראטעקציע, תפלה איז שטערקער פון אלעס. בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט קענען געבן די בעסטע חינוך פאר דיינע קינדער, אויך זאלסטו בעטן פאר זיי; ווייל נאר תפלה איז די וועג פאר גוטע קינדער.

איך וויל דיך דערמאנען די מעשה וואס מוהרא"ש האט אונז דערציילט פון היילגן חפץ חיים. אמאל איז א איד געקומען צום היילגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו און געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, דער היילגער חפץ חיים פרעגט אים: "מיט א ברכה ווילסטו האבן גוטע קינדער? עס גייט נישט אזוי, גוטע קינדער דארף מען בעטן אסאך דעם אייבערשטן", ער ווייזט פאר דעם איד זיין מאמע'ס תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט, און זאגט אים: "אזוי האט מען גוטע קינדער"; זאלסטו אסאך בעטן דעם אייבערשטער אז דו זאלסט זוכה זיין צו קינדער ערליכע אידן, תלמידי חכמים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(עצתו אמונה פרשת אחרי קדושים תשפ"ג)

## וואס היט אפּ א פרוי אויף יענע וועלט?

שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

אויב משניות היט אפּ א מאן פון מייז און ווערעם אין קבר, דעמאלט וואס היט א פרוי? איך וואונדער זיך אלעמאל אויף דעם.

יישר כח

תשובה:

בעזרת ה' יתברך – יום א' פרשת צו, ד' ניסן, שנת תשפ"ג לפרט קטן

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

די גמרא פרעגט שוין די פראגע (ברכות יז.): "נשים במאי זכיין"; אז פרויען זענען פטור פון לערנען תורה, עס איז נישט שייך ביי פרויען לערנען גמרא און משניות – איז וואס וועט זיי היטן אין קבר, און אויף וואס וועלן זיי באקומען שכר? דער ענטפער איז: "באקרויי בנייהו לבי כנשתא", מיט דעם וואס זיי ציען אויף די קינדער צו לערנען תורה, זיי שיקן די קינדער אין חדר לערנען תורה, "ובאתנויי גברייהו בי רבנן, ונטרין לגברייהו עד דאתו מבי רבנן", און מיט דעם וואס זיי ווארטן אפּ דעם מאן ווען ער קומט אהיים פון לערנען, דאס וועט זיי היטן און אויף דעם וועלן זיי האבן שכר.

ווען א פרוי העלפט איר מאן זיין ערליך, זי העלפט אים ער זאל קענען גיין דאווענען דריי מאל א טאג און קענען האבן זיינע שיעורים, לערנען די היילגע תורה – באקומט זי מער שכר פונעם מאן. אזוי ווי די היילגע חכמים זאגן אונז (ברכות, שם): "גדולה הבטחה שהבטיחן הקדוש ברוך הוא לנשים", דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר די פרויען מער שכר, "יותר מן האנשים", ווי מען האט צוגעזאגט פאר די מענער.

וואויל איז די פרוי וואס האט שכל און בויט אויף איר מאן, זי שטופּט אים צו לערנען – וועט זי זיין אפּגעהיטן פון אלעם שלעכטס.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין צו (פסחים קטז:): "ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים"; און צו (מיכה ז, טו): "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", אמן.

...

(עצתו אמונה יום טוב פסח תשפ"ג)

## וואס טוט מען מיט א קינד וואס ווארפט צוריק א קאמפּלימענט?

שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א מלמד, און איך פּרוביר צו לעבן מיט די עצות פון היילגן רבי'ן.

איך וויל פרעגן וואס צו טון מיט א אינגל אין מיין קלאס וואס יעדעס מאל ווען איך געב אים א קאמפּלימענט אינמיטן דאווענען אדער לערנען אז ער דאווענט אדער לערנט שיין אדער סיי וואס, ווארפט ער אלץ צוריק די קאמפּלימענט, און לכבוד דעם הערט ער גאר אויף צו טון די גוטע זאך וואס ער טוט.

יישר כח

תשובה:

בעזרת ה' יתברך – יום ה' פרשת בהר בחוקותי, כ' אייר, ל"ה לעומר, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד המלמד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס זענען דא קינדער וואס ווייסן נישט ווי אזוי צו נעמען גוטע ווערטער, און ווען זיי הערן גוטע ווערטער, אנשטאט דאס אראפּשלינגען – וועלן זיי אנהויבן טון מאדנע זאכן, אדער דאס פארקערטע.

אז דער קינד טוט פונקט פארקערט – זאלסטו אים געבן די קאמפּלימענטן פריוואט, געב אים נישט קיין קאמפּלימענטן ברבים; פריוואט וועט ער דאס קענען פארדייען.

שטארק זיך מיט דיין היילגע ארבעט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(עצתו אמונה יום טוב שבועות תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com / טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876